בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת וישב

### שנת תשפ"ה לפ"ק

נלקט משיעריו של
**הגה"צ ר' יהושע העשיל שארף שליט"א**
רב ואבד"ד חסידי רוזי'ן קרית יואל

הוצאת מובחר

## צו הערן שיעורים

**אויף א דירעקטע ליין פון**
**מערכת קול לשון**

**בארץ ישראל – 073.321.1792**

**בארה"ב - 646.934.6134**

# פרשת וישב תשפ"ה

בעזהשי"ת מען געפינט פרשת וישב די פרשה פון יוסף הצדיק, יוסף הצדיק האט געהאט חלומות, ער האט געחלומט אז ער וועט זיין א קעניג, א קעניג איז ער נישט געווארען אבער כאטש א משנה למלך איז ער יא געווארן,

איעדער איד האט שאיפות צוצוקומען צו עפעס מער, איינער מער פון א רוחניות'דיגע שטאנדפונקט און איינער אין גשמיות, אבעד דער צד השוה דארף זיין נישט צו שלאפן, נאר אויסצופירן די רצונות אויף למעשה,

די פסוק זאגט והנה השמש והירח ואחד עשר כוכבים משתחוים לי, איינער האט א שאיפה צו זיין די שמש די שרייבט צדיקים איקריא שמש

איינער האט א שאיפה צו זיין די ירח און איינער א כוכב אבער עפעס א שאיפה מוז זיין,

און אויב עס ווערט נישט שמש לאז עס כאטש ווירן ירח און אויב נישט ירח לאז עס ווערן כאטש א כוכב אבער לאז עס עפעס זיין.

וועט איינער פרעגן איך האב שאיפות אבער איך זעה נישט סזאל ווערן פון זיי, קען מען זאגן בדרך צחות די ווארט שאיפה האט די אותיות פא"ש וואס אויף ענגליש מיינט זיך צו געבן א שטופ אז משטופט זיך נישט ווערט פון די שאיפות גארנישט עס געשענט פון זיך אליינס גארנישטנ, ארנישט געשענט נאטורליך,

אגב די ווארט שטוף האט אין זיך די אותיות פ"ו אבער עס שטייט איבערגעדרייט

איינערנוואס גיט זיך א שטוף צו טון זאכן ווערט די פ"ו די בחינה פון מידת הדין וואס שטערט אים פון טון די זאכן, ווערט די פ"ו איבערגעדרייט און ער קען אויספירן זיין רצונות אויף למעשה

די ווארט רצון האט די אותיות צנור נוצר איינער וואס האט א שטארקע רצון ווערט באשאפן פאר אים א נייער צינור אויסצופירן זיינע רצונות

און א שטארקע רצון מיינט אזוי ווי די ווארט שטארק האט אין זיך די אותיות רק וואס מיינט - ער פארלייגט זיך אויף די זאך דעמאלסה ועט ער אויספירן זיין רצון

בכלל א איד וואס האט א רצון און ער וויל אויספירן זיין רצון דארף ער וויסן סגייט אנקומען שווער

און דעס אז ער ווייסט אז סגייטאנקומען שווער דעס וועט אים געבן די כחות אנצוגיין ווען סגייט זיין שווער אזוי ווי מזאגט פרייטאג צו נאכטס מגן אבות בדברו מגן דו ווילסט באשיצן אבות דיינע רצונות וואס אב איז מלשון רצון בדברו זאלסטו וויסן אז סגייט אנקומכען שווער דיבור לשון קשה

זאל די אויבעשטער העלפן סזאל אונז אנקומען די גרינגסטע וואס איז שייך אבער אויב קומט אן שווער זאל מען וו יסן דאס איז א חלק פון די פראסעס און בעז"ה וועסטו אויספירן בסייעתא דשמיא.